STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04199

LIDER FUN LEBN

Max Milton

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער פון לעבן

— פון —

מאקס מילטאָן

שיקאַגאָ, 1936

גע׳ווידמעט מיין טייערן ברודער
יודל מילטאָן, ע"ה

Copyright by Max Milton
Chicago, 1936

413
געדרוקט ביי יוסף עדעלסאָן
2110 S. Halsted St. Chicago, Illinois

טריט בּא טריט

כ׳גיי מיין וועג מיר טריט בּא טריט,
וואו איך גיי — דאָס ווייס איך ניט.
שלעפּ זיך, שלעפּ זיך יעדן טאָג
מיט מיין האָב וואָס איך פאַרמאָג,
זייף און קאַם — גאַזעט פּאַפּיר —
וואָס איז בּעטגעוואַנט פאר מיר
איך בּאַשווינדל נעכט און טעג,
אין מיין לעבּענס וואַנדער וועג...
פון די פענצטער, הויז און הויז,
קוקט צו מיר די פרעמד ארויס,
פיל איך פרעמד צו זיך אליין,
הייסט דער פרעמדער ווייטער גיין.
גיי איך ווייטער טריט בּא טריט,
נאָר דעם וועג צריק — שוין ניט,
יעדער פוס ווערט פּודיק שווער,
נאָר מיין האַרץ וועגט נאָך מער...

צוויי.

שלעפּט זיך אַן עגלה אין דעם ווינטער פאַרנאַכט,
מיט אַן אבל, ווי איין וואָרט בּלויז אין אַ שורה —
דאָס שלייכן זיך שטומע: דער טויט און דער עלנט,
און פאַרגייען אין נעפּל אין ווייטן צו קבורה.

צוויי פריינט, צוויי גייסטיקע בּרידער געקומען,
אין דער פרעמד, מיט צוויי אוצרות אין קאַסטן,
געלאַטעטע וועש, געצירעוועטע זאָקן,
ווערלטן געמאָלענע, לעבּנס געשריבּענע —
פליגלען און זעגלען און מאַסטן.

אַוועק איז דער דיכטער, דער ערשטער,
פאַרענדיקט מיט דעם אַ געדאַנק —
דער מאָלער וועט בּלייבּן און בּענקען,
בּיז אַ בּלייכן זון־אונטערגאַנג.

אין פּאַרק

אין פּאַרק אויף אַ באַנק, זייט בײַ זייט,
ווי שטומע שאָטנס שווייגן,
בליק טרעפט בליק, באַקענען זיך
צוויי אָפּגעהאַקטע צווייגן.

צווייג און צווייג פון איין שטאַם,
ווי אַ ברודער און אַ שוועסטער,
ווילן הערצער זיך אויסרעדן
וועמענס צער איז דער גרעסטער.

ווילן ווילט זיך אַלץ דערציילן —
אונזער עלענט. כאַטש נישט ניי,
נעמט דער קירכן־זייגער שלאָגן,
„קלינג־קלאַנג" — גלייכע צוויי . . .

איז דער צוויי־קלאַנג אָפּגעשטאָרבן,
אין דער שטילקייט זיך פאַראייניקט,
ווי אונז ביידן האָט דער הונגער
און דער שלאָף גלייך געפּייניקט.

נעם איך זינגען פאַר זיך שטיל,
אַ ליד פאַר ביידן, פון עלענד ס'ליד
נעמט זי העלפן, ווי אַריינצוּוועבן,
גיט צושטייער איר געמיט.

ווען דער זייגער פון דער קירך
האָט מאָרגן־שעה אויסגעשלאָגן —
זיינען מיר שוין אַלטע פריינד געוועזן,
אָן אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן.

ס'האָט געגומען ליכטיק ווערן,
איינס בײַ איינס זיך פאַרלאָשן שטערן,
ווי בײַ אונז אין האַרץ די זאָרגן —
ניי די פריינטשאַפט, ניי דער מאָרגן.

ס'איז שוין לאַנג נאָך יענער נאַכט,
כ'וועל איר אייביק דאָך געדיינקען,
ווייל קיינמאָל פריער און נישט שפּעטער . . .
איז געבליבן אַזאַ ביינקען.

כ'וועל איר מאָרגן בלאַסן פּנים
און אירע ווערטער נישט פאַרגעסן,
„איך האָב געלט פאַר אונז ביידן —
קומט, חבר, עפּעס עסן" . . .

אַ געזאַנג צום בלוט

בלוט ביזט רויט און גראַמסט זיך מיט טויט —
בלוט רויט, נויט און אויך מיט ברויט —
בלוט ביזט רויט אונטער יעדער הויט.

בלוט, ווען כעס פאַרבט דעם מענטשן בלאַס . .
און פון עולות צום געדריקטן קלאַס
ווערט עס געצונדן רויט פון האַס.

בלוט ביזט רויט דורך דורות געפלאָסן,
בלוט פון מאַרטירער הייליק פאַרגאָסן . . .

— — — — — — — — — — — — —

בלוט האָסט דאָס ליד פון פייער געזונגען,
ס'האָט די קירכע דיין שטים פאַרקלונגען,
ווען מען האָט דיך בארויבט און באַצוואונגען.

בלוט פון פעלקער, בלוט פון ראַסן,
בלוט אין פאַבריק, בלוט אַף די גאַסן,
רופט צום קאַמף די ארבעטער מאַסן.

אַ מיינער'ס קינד.

האָס און הונגער האָט מיך דערצויגן,
ברענט אַ פייער אין מיינע אויגן,
ווען עס האָט אין שאַכט געברענט,
האָט די מאַמע געבראָכן אירע הענט.

כ'וועל ניט פאַרגעסן יענעם מאָרגן,
ווען טרערן האָבן איר אין האַלז געוואָרגן,
און מיך פון שלאָף אויפגעריסן,
און די קאַלדרע קריעה אויף מיר צעריסן.

איז אַ קאָמיסיע אָנגעפאָרן,
צו פאַרשרייבן יתומים'ס יאָרן,
נאָר וואָס זיי האָבן ניט פאַרשריבן,
איז דער האָס וואָס איז מיר פאַרבליבן.

מיין גוטער רבי

געווידמעט אברהם רייזען.

מיין גוטער רבי אין דיין חדר האָב איך געלערנט:
נישט צו קריכן אין פּאַלאַצן, צו בת מלכה׳ס, צו פּרינצן,
נאָר גיין צום שוסטער אין קעלער שטוב, וואו קיינמאָל זאַט,
קיינמאָל יום טוב, נאָר וואָכנדיקער ברויט באַגער,

צו דער קוזשנע שווארצע ווענט וואו שוויים אויף אייזן —
קאָכט און זידט, וואו טרוקן ברויט פאַר שווערער פּראַצע,
פאַר מאַזאָלעס, פאַרבּרענטע הענט,

צו דעם וועבער בא זיין שטול, וואו ער פון פעדעם
וועבט פיין געוואַנט. און זיין קינד איז אָן א העמדל
און ס׳ווייסט, אז עס דאַרף אזוי צו זיין...

צו דעם פויער אין דעם פעלד, וואו ער מיט שוויים
די ערד פאַרזייט, און ווען עס קומט די צייט פון שניט,
בלייבט אים קיין סנאָפּ שוין מער פאַר זיך.

צו די מינען שווארצע, טיפע אין דער ערד,
וואו אייביק נאַכט, אייביק שטיקט,
וואו די לופט זיך צינדט און ברענט,
און לעשט זיך צוזאַמן מיט די לעבנס אוים.

צו די פישער אויף די ימים, אין די קאַלטע שטורם נעכט,
פיש באַזאָרגט ער פאַר אונז מענטשן,
און ווערט אָפט אליין פאַר פיש א שפּייז.

צו די וועלדער, צו די פעלדער וואו מזבחות —
ווערן אויפגעשטעלט, וואו קאַנאָנען הימנן זינגן
פאַר מאַמאָן — וואָס פאָדערט בלוט.

צו די באַסטיליען, וואָס רק מ׳בויט,
וואו קייטן זשאַווער פרעסט פלייש און ביין,
וואו מארטירער שטאַרבן טעגליך,
ס׳זאָל זיך לוינען לעבן אויף דער וועלט.

בלשצר

ג׳ווען איז אמאָל,
א לאַנד מיט אַ קעניג,
אָרעם דאָס פאָלק —
פרום אונטערטעניג.

ס׳פאָלק האָט געליטן,
זיך ג׳שונדן די הויט —
און פארן קעניג,
פאַלאַצן ג׳בויט.

פאַלאַצן פון מאַרמאָר,
גילדערנע זיילן;
אַנטיקן געבראַכט,
פון אלע וועלט-טיילן.

האָט דער פאַלאַץ ג׳יום-טובט —
וויין זיך געגאָסן,
ווייל ס׳בלוט פון פאָלק,
איז אין פאַלאַץ געפלאָסן.

און טעכטער פון פאָלק,
האָבן ג׳טאַנצט, ג׳זונגען,
נאַקעט צו שאַנד,
ג׳טריבן — ג׳צוואונגען.

מיד שוין פון תאוה,
פון ווילדע ג׳זאַנגען,
זיינען מיט אַמאָל,
די ליכט אויסגעגאַנגען.

ג׳שען איז עם פלוצים,
אזוי אומגעריכט,
גלייך ווי א כשוף,
זואָלט פארלאָשן די ליכט:

דער קעניג אין צאָרן,
פרעגט: „וואס איז ג׳שען?״
נאָר באַלד ווערט ער שטום,
זיינע אויגן דערזען. —

אַנשטאָט בלומען און בילדער,
א לײדיקע װאַנט;
און אויף איר אין פײער,
שרײבט א מענטשלעכע האַנט.

שרעקט עס דעם קעניג,
װאָס זאָל דאָס מײנען?
א שריפט װאָס פאַרהוילן,
און קײנער קען לײענען.

רופט מען צוזאַמען,
די חכמים פון לאַנד,
איז פאר זײ פרעמד,
די שריפט אויף דער װאַנט.

שטײגט דאָס געטומל,
מ׳דערגײט צו קײן טאָלק,
ביז מען ברײנגט אין פאַלאַץ
אײנעם פון פאָלק.

ער איז ניט געװאַשן,
ער איז ניט ג׳קעמט,
זײן דאָר לײב איז באַדעקט
מיט א צעריסן העמד.

ער קוקט אויף דער שריפט,
און שרײט אוים מיט צאָרן:
„דײן מאַכט, טיראַן,
איז געבראָכן געװאָרן!

דו װעסט אנטלויפן
פון טראָן און פון לאַנד,
דאָס איז דער באַשײד
פון דער שריפט אויף דער װאַנט.

דער אַלטער מאַטראָס

בייז דער ים,
ברומט דער שטורם,
בליצט דאָס ליכט
פון ליכט טורעם.

טיף א פעלז
פון אויג בעהאַלטן,
האָט די זעגל שיף
אין צוויי געשפּאַלטן.

ס׳רייסט די זעגלן
פון די מאַסטן,
וויגט זיך ווילד
אַן אָרון־קאַסטן,

שטום דער גלאָק שוין
אָפּגעקלונגן,
באַלד וועט טויט
אַלץ פאַרשלינגען.

ס׳ציט צום אָפּגרונט,
צום טיפן אייביק,
זאָגן וידוי,
די וואָס גלייביק.

נאָר איין מאַטראָס,
שוין אַלט — געבויגן,
לאַכט דעם טויט
אין די אויגן.

ער — א קינד,
פון ים געבוירן,
אויף יבשה —
איז ער פאַרלוירן.

די שיף זיין מוטער, —
א מאַטראָסן קינד
זיך אָנגעזוייגן,
מיט ימים ווינט.

דאָס זאַלץ פון ימים,
אין זיין בּלוט,
ים־שטורם,
זיין געמיט.

בּליקט ער אהין,
דאָרט ווייט צום לאַנד,
וואו זיין שוועסטער
איז אַוועק אין שאַנד.

און פון פאַבּריק,
דעם קוימען הויך,
וואו זיין בּרודער,
זיך שטיקט אין רויך.

„אדיע ליבּע
שוועסטער, בּרודער",
ווי ס'שטייט געשריבּן
אין מאַטראָסן לידער...

שטייט ער רואיק,
לאַכט און טרינקט,
ווען די שיף,
צום אָפּגרונט זינקט...

צום פאַלשן נביא

א פאלשער נביא בּיזטו צו אונז געקומען,
פרעמד צו אונזער צער — אים ניט פארנומען,
האָסט פארלייקנט דעם כּוח פון אונזערע הענט;
געהייסן לעשן מיט טרערן א וועלט וואָס בּרענט.

און פאר פאלשע משיחים געהייסן אונז ווארטן,
ווארטן פאר פּרות פון א בּוים א פארדארטן;
דיך האָבּן אונזערע פארלוסטן קיינמאָל גערירט,
האָסט אונז מיט פראַזן אין זומפּן פארפירט.

איצט, וואָס דו וועסט זאָגן, וואָס דו וועסט שרייבּן,
וועט דיר שוין קיינער קיין וואָרט מער ניט גלייבּן;
אין צער וועט קיינער דעם קאָפּ נישט איינבּייגן,
נאָר קעמפן — זיגן, און העכער נאָך שטייגן.

„פּאַריז"

פּאַריז — פּאַריז,
אויף דיינע בולוואַרן בּאַנאַכט,
ווערט שטיל געוויינט — הויך געלאַכט,
ווייזט זיך בּאַ וועמען אין אויג אַ טרער —
זינקט זי אין פאַרבּ און גלאַנצט ניט מער.

פּאַריז — פּאַריז,
בּרייט דיינע בּולוואַרן — שמאָל קרום די געסלעך;
דיין נויט קענען לוקסוס מאַכן דיך העסלעך,
און דיינע רעקלאַמעס אין פייער געצונדן,
שרייען אוים די עוולות, די בּאַגאַנגענע זינדן...
פּאַריז — פּאַריז.

„רעליף"

נעם און פאַרריכט יעדער לאָך אין דיין טאָרבּע,
גרייט צו פאַר אַלץ וואָס מ'וועט דיר געבּן אַ דאַנק,
וואָס קען דערוואַרטן איינער וואָס מאַנט ניט
פאַר פּראַצע מער ווי אַ נדבה — אַ געשאַנק.

גיי אַרונטער אין דיין קעלער און פריר,
נאָך דעם ווי דו האָסט די קוילן געגראָבּן,
וואַרט בּיז ס'וועט קומען אַ „טשאַריטי לײדי",
וואָס וועט רחמנות צו שפּעט אויף דיר האָבּן.

און ווערסטו אויסגיין פון הונגער ווי אַ הונט —
דו נאַר ווערמען מיינסטו וועט עס דען אַרן,
נאָר דו ווערסט האָבּן דיין לעקציע געלערנט —
דיך וועט שוין קיינער מער נאַרן.

?

האָט דיין מזל געשפּילט דיר דעם שפּאַס,
צו ווערן פאַרלוירן צווישן מענשן אין גאַס,
צו ווערן פאַרטראָגן ווייט פון דיין הויז,
אַז זיך דערפילן ווי אַ פאַרבלאָנזדשעטע מויז,
וואָס קען איר נאָרע שוין מער נישט געפינען,
און בליקן ווי שפּיזלען, וואָס טרייבן פון זינען.

ביזטו שוין אַמאָל געבליבן אַליין,
און בּאַ זיך געפילט : אַזוי איז בעסער צו זיין,
אַז דיינע בּאַקאַנטע און טייערע פריינט,
געהערן צום נעכטן, און קענען דיך נישט היינט,
אַז דו ביזט אַוועק אויף פאַרלוירענע וועגן,
וואו ס'איז נישטאָ בּאַ קיינעם צו פרעגן . . .

ביזטו שוין אַמאָל פאַר טעג און פאַר וואָכן,
צו שדים און רוחות אין אַ חורבה פאַרקראָכן,
צי האָט אין דיר דיין בלוט נישט געקילט,
ווען שדים האָבן טעאַטער געשפּילט,
ווען זיי האָבן גע'חוזק'ט, געטאַנצט און געלאַכט,
און אונז מענשן אַזוי גוט נאָכגעמאַכט.

און זאָג מיר, פריינט, צי אויף גליטשיקע וועגן
איז געבליבן דיר קלאָר דאָס ניט-טאָרן און מעגן...
און צי אין דעם מבול פון פיינטליכן שפּאָט,
האָסטו נאָך קיינמאָל געשאָלטן דיין גאָט —
דעם גאָט פון דיין מאַמען, דעם גאָט פון דיין טאַטן,
דער וואָס האָט דיך אַזוי שענדליך פאַרראָטן . .

און צי האָסטו אין שפּיגלען, אויף שאָטנס פון ווענט,
אויף זיך געקוקט און אַליין נישט דערקענט . . .
צי האָסטו ווענט שוין מיט פויסטן געשלאָגן,
פון צער וואָס מער נישט אַריבערצוטראָגן,
צי האָסטו שוין ווען אין פינצטערער נאַכט
פון זיך אַליין און דיין מזל געלאַכט ?

וויג-ליד

קינד, דיך האָט אַ מלאך
געקושט און געגלעט,
וועט פון דיר שוין ווערן
אַ אידישער פּאָעט —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

צו קיין מלאכה,
וועסטו זיך ניט טויגן,
דיינע צאַרטע פינגער,
וועלן זיך נישט בייגן —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

וועסט ניט קענען האַנדלען
מיט שותפים, צאָלן ראַטעס,
נאַרן, דרייען און שווינדלען,
מיט וועקסלען און מיט דאַטעס —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

וועסט דאָך אַמאָל, קינד מיינס,
אין וועמען זיך פאַרליבן,
און דאָס מיידל וועט וועלן מער,
ווי אַ ליד שיין געשריבן —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

און וועסטו אַמאָל מיט מזל,
דיין באַשערטע שוין געפינען —
דאָך ווען פּרנסה פעלט,
ווערן ליבעס גיך צערונען —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

קינד, וועסט ווערן עלטער,
יאָרן מאַכן מיד,
ס'קען חלילה אַ קינד דיינס,
לאַכן פון דיין ליד —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

דאָס לעבן איז פול מיט צרות,
מען שטרויכלט אויף יעדן שריט,
קענסט אַליין אָנהויבן צווייפלען
אין דיין אייגן ליד —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

ס'מיינט אַ שלאַנג באַשאַפן,
אין האַרץ זי אויסגעבריט,
ווען צווייפל וועט פאַרצערן
און באַשווערן דיין צאַרט געמיט —
וואָס וועסטו טון, מיין קינד?

נאָר וועט זיין שטאַרק דיין גלויבן,
וועט דיין ליד נאָך שטאַרקער זיין,
ווען פריינט דיך פאַרלאָזן . . .
בלייב מיט דיין ליד אַליין —
זיי שטאַרק, מיין קינד.

מיין תפלה

מיין זון דו זאָלסט נישט צו פרי פאַרגיין,
ביז איך נעם אַלץ פון פעלד אריין,
טאָג דו זאָלסט צו פרי ניט שטאַרבן,
ביז איך נעם צעניוף מיינע גאַרבן.

איך האָב דאָך יעדן זאַנג, מיט אַ טרער געזייט
און נישט געוואוסט פון שניט די פרייד,
מיר האָבן כמאַרנע הומלען אָפּגעגנאַרט,
און יעדן זאַנג אויסגעדאַרט,
זון און רעגן קיינמאָל אין צייט,
יעדער אָט-אָט מיילן ווייט —

טאָג דו זאָלסט צו פרי נישט שטאַרבן,
ביז איך נעם צעניוף מיינע גאַרבן . . .

דער ערשטער שניי

געפאַלן דער ערשטער שניי,
אַ וועלט פריש און ניי,
אַ ווינטער מאַי —
דער ערשטער שניי.

די בעקלעך גליהען,
ס'שטראַלן פרייד,
ווייסער צוקער
האָט אָנגעשנייט.

זאָרגלאָז שוועבן
ווי פייגל פריי,
קינדער יאָרן —
די פרייד פון שניי.

וואָס זיינען לידער?

עס זיינען קיין ווערטער,
קינסטליך געקליבענע,
עס זיינען קיין גראַמען,
שיינע געשריבענע.

אַ ליד איז פיל מער
ווי געדאַנק געווערטלט,
אַ ליד איז ווי אַ קינד,
ס'מוז ווערן געצערטלט.

אַ ליד מוזטו געבן
דיין ברכה, דיין פלוך,
ווייל ס'וועט דאַרפן וואַנדערן,
ווייטער פון בוך.

און אייביק וועלן זיי זוכן
אַ נשמה אַריינצודרינגען,
ביז זיי וועלן אַ האַרץ געפינען,
וואָס וועט זיי אויסזינגען.

נאַכט און מאָרגן

ס'וואָיעט אַ הונט ווי משוגע,
הילכט עס גרויליך אין דער נאַכט,
שעלט אַ שכור מיט טויטע קללות,
אַרויסגעוואָרפן — די שענק פאַרמאַכט.

ס'איז שוין לאַנג דאָס ליכט פאַרלאָשן,
בא מיר איז פינצטער, מיר איז קאַלט,
וועלט, דו ביזט אַ שלעכטע דירה,
אין דיר הערשט נאַכט-געוואַלט.

נעמט דער הימל מאָרגן גראָען,
דער מאָרגן-שטערן זיך אָנצינדן,
נעמט אַ סוף צו די תהום'ן-שעה'ן,
די מרא-שחורה נעמט פאַרשווינדן.

טרעט אַרויס אויף דער וואַנט אַ קאַרטע,
מעסט זיך אָפּ אַ זעקסטל ערד . . .

וואו מענשן זיינען שוועסטער, ברידער,
און דאָס לעבן האָט אַ ווערט.

„ציוויליזאַציע"

מאַכט פלאַץ, איר ווילדע, ציוויליזאַציע גייט.
מיט הוצפה, אין דער לענג און ברייט,
און דעם שוואַרצן טויט זי פאַרשפּרייט —
העי, ציוויליזאַציע גייט!

פון איטאַליען — דער גרויסער תליון
שיקט אייך גאַז, פייער-טאַנקען,
דאַרפט איר דאַנקען פאַר די געשאַנקען.

אויף די בערג, אין די טאָלן,
וועט מען פלייש און ביין צעמאָלן —
פאַר ציוויליזאַציע מוז מען צאָלן . . .

מוסאליני — בייז-וואונדער!
אויף דיין קאָפּ דאָס בלוט
פון פרויען און קינדער —
דו וועלט-אונטערצינדער!

טויט אויף בערג, טויט אין גריבער —
דאָך שפּאַנט דאָס לעבן דעם טויט אַריבער . . .
מישט דאָס שוואַרצע בלאַט זיך איבער.

קאָסט עס בלוט,
קאָסט עס טרערן,
פון אַ שקלאַפן-פאָלק
וועלן קעמפער ווערן.

מענטש, ס'איז דיין טרייסט,
וואָס די צייט ווייטער גייט . . .
שקלאַפן שוואַרצע, שקלאַפן ווייסע,
וועלן צוזאַמען זיין באַפרייט . . .

צום דיכטער.

ווי אויף קאוואדלע,
מוז עס זיין געשמידט,
דאן ווען די פונקען
באלייכטן דיין ליד.

און שטארק מוז עס זיין,
ווי א שטורם מיט דראנג,
און פארביק דער טאן,
און קלאר דיין פארלאנג.

און וועט זיך דערהויבן,
אין די הויכן דיין שטים,
אן עכא וועט שאלן
פון ארום און ארום.

נאר דער

וועמענס ווילן איז געפאנצערט,
ווער עס גייט א באשטימטן וועג,
דער קען אין געוויטער טראגן
אין זיין הארץ שיינע טעג.

דער וואס וויים אז נאר דורך קאמף,
ניט דורך גלויבן און געבעט,
דער וועט אין צייט, זיין באפרייט —
קיין רגע ניט צו שפעט.
דער וואס קען אין שטורם גיין,
זוכט קיין דאך, קיין געצעלט,
בלויז נאר דער וועט דערגיין,
צו דער ניי געבויטער וועלט.

נ י י ן.

וואָס וועט זיין, אַז איך וועל שוין מער ניט זיין?
זאָל שוין זיין וואָס ס'וועט זיין?
ניין! דאָס טאָר ניט זיין.

ווען ער האָט געוויינט,
און זי האָט געלאַכט,
האָט דער טייוול געלאַכט.

ווען זי האָט שוין געוויינט,
און ער האָט מיט איר מיטגעוויינט,
האָט אויך דער טייוול געוויינט . . .

נייע לידער.

פאַלן בלעטער פון די ביימער,
בריוולעך אַלטע, געל פאַפיר,
ווינטער גרוסן פאַר די פייגל,
ווינטער גרוסן אויך פאַר מיר.

קאַלטער ווינטער איז אין וועג שוין,
פאַרן רייכן זוי פול מיט פראַכט,
שלעכט איז דעם נאַר ווער עס וואַנדערט
אָן אַ ציל אין קעלט בּאַנאַכט.

ס'פליען אַוועק שוין די יונגע פייגל,
בלויז די אַלטע וועלן בלייבן,
זשאַרגעם זוכן אין דעם שניי —
טויטע פינטלען אָנצושרייבן . . .

ווייסע וועלטן וועלן אויגן בלענדן,
אויגן מידע וועלן זוכן,
פרעסט וועלן פרעסן הונגער,
הערצער שווערע וועלן פלוכן.

קומען וועלן צוריק די פייגל,
גרינען וועלן ביימער ווידער,
וואויל איז דעם וואָס וועט דערלעבן
די נייע צייט — די נייע לידער . . .

בירא בידזשאַן.

עס זיינען געפאָרן צוויי אידן,
באַלאָדן אויף גרויסע יאַרידן,
איינער מיט וואַקס,
דער צווייטער מיט פלאַקס,
זיינען געפאָרן צוויי אידן.

זיינען בשלום געקומען
פול מיט האָפנונג די צוויי אידען -
אַ למדן ר׳ שמואל,
אַן עם הארץ יחיאל —
ביידע באַבערדלטע אידן.

שטייען אויפ׳ן יאַריד די צוויי אידען,
און ווערן שטאַרק אונצופרידן,
ווייל פון קונים קיין סימן,
קיין הונט איז געקומען,
שטייען פאַרוואונדערט צוויי אידן.

שטייען אין צרות צוויי אידן ,
און פאַרשעלטן אַזעלכע יאַרידן,
זיי קוקן מיט מרא־שחורה
אויף דער פאַרבליבענער סחורה,
און ווינשן היטלער׳ן אַזעלכע יאַרידן.

פאַקן צונויף די צוויי אידן,
שוין נאָך די גליקן יאַרידן,
ווענדט זיך יחיאל
צום למדן ר׳ שמואל —
ער וויל וויסן פון אַ קלוגערן אידן.

„סטייטש ווי קומט עס אַז אויף יאַרידן,
זאָל נישט זיין קיין פרנסה פאַר אידן,
אפשר איז דער יאַריד אין דער ערד,
צוליב אונזערע בערד.
וואָס שרייען, אַז מיר זיינען אידן״.

הערט אים אוים מיט אַ שמייכל ר׳ שמואל
וועלכן ס׳פאַרשטייט נישט יחיאל,
ביז ער דערהערט פאַרוואָס ס׳ליגן אין דער ערד
אין פינצטערע לענדער אָרימע אידן.

אַז ס׳איז נישט די בערד, ס׳איז נישט די פאות,
וואָס רופן צו באַיקאָטן די שוואַרצע מאות,
בלויז די קעפּ זיך אָפּשניידן
וואָלטן פאַרמיידן
די שוואַרצע שנאה צו אידן.

ערשט הויבט יחיאל אָן צו פאַרשטיין,
און שרייט אוים: ס׳איז נידעריק, געמיין!
מ׳דאַרף לאָזן צום שוואַרץ יאָר,
און טון אַ פּאָר — אַהין,
וואו ס׳איז נישטאָ קיין יאַרידן,
שמייכלט ר׳ שמואל צופרידן.

זיצן אין באַן צוויי אידן,
געוועזענע הענדלער פון יאַרידן,
צוויי ברידער, צוויי פריינט,
א פרייד אויף זיי שיינט,
נישט מער קיין פאַר׳חושכ׳טע אידן.

שטייען אין פעלד די צוויי אידן,
ווישן דעם שווייס — דאָך צופרידן.
מיט אַ לאָפּאַטע יחיאל,
באַם טראַקטאָר ר׳ שמואל —
בירא בידזשאַנער צוויי אידן.

„ג׳דענקסטו?” וויל אַ פרעג טון יחיאל,
„שטאָ קיין צייט”, ענטפערט ר׳ שמואל,
„מיר געשלאָגענע זיינען שלאָגלער געוואָרן,
זים איז דאָס ברויט פון אייגענעם קאָרן,
בירא בידזשאַן איז די היים פאַר אידן”.

אין שטאָט.

פרעג מיך נישט פון וואַנען איך קום,
פרעג מיך נישט וואָס איך פאַרמאָג.
איך בלייב דאָך מיט דיר איבער נאַכט בלויז —
און פאַרלאָז דיך באַלד ווי עס טאָגט.

פרעג מיך נישט נאָך וואָס איך בין געקומען,
צו וואָס? זאָלן אַנדערע דיר זאָגן,
די וואָס ברענגען דיר מתנות,
אנשטאט ווערטער, וואָס שלאָגן!

נעם, טו אוים דיינע מתנות,
די שמאַטעס זיידענע און צירונג,
ס'איז דיר פאַרבליבן געגונג נאָך
און נאָך מער פאַר פאַרפירונג...

טו אָן ס'באַשיידן ציצן קליידל,
צעפלעכט דיר דיינע גאָלדענע האָר,
ווער צוריק מיין חלום פון יוגענט,
וואָס איז טויט שוין — דו ווייסט וויפל יאָר...

וואַרף אַראָפ דיין ציניִשן שמייכל,
וואָס דרינגט קוים דורך די פאַרב,
איך בין צו דיר אַ מידער געקומען,
צו זען דיך איידער איך שטאַרב.

אַ גרוס דיר ברענגען פון שטעטל,
פון וועלדל וואו מיר האָבן שפּאַצירט;
זאָג, געדענקסטו נאָך די לידער
און די מתנות וואָס האָבן דיך באַצירט?

געדענקסטו די מיל, דאָס וואַסער?
די שטילקייט פון אָרום און אַרום,
און דאָס געמיט פון אונזערע הערצער,
ווי אַ תפילה, הייליק־פרום.

פרעגסט צו וואָס איך דערמאָן עס?
צו וואָס כ'בין אינגאַנצן געקומען?
נישט שיטן דיר זאַלץ אויף די וואונדן,
נאָר ברענגען דיר אַמאָליקע בלומען.

און פרעג מיך נישט וואוהין איך וועל גיין,
איך האָב לאַנג שוין פאַרלוירן מיין ציל,
איך בין דאָך ווי דו, פון שיקזאַל געוואָרן
אַ פילקע — געקאָפּעט אין שפּיל . . .

וועל איך ווי אַ ווינט פאַרשווינדן
און ווערן אויף ימים אַ וואַנדערער,
וועסטו מיך נאָך אַמאָל זען,
דאַן וועל איך אויך שוין זיין אַן אַנדערער . . .

קונץ.

ווי אַ הונט האָב איך געלעקט מיינע וואונדן,
פון יסורים פאַרקריצט מיט די ציין,
מיין אוי האָב איך מעלאָדיש פאַר׳ניגונ׳ט,
דו זאָלסט נישט דערקענען אַז כ׳וויין.

האָט אַ טרער אין אויג מיך שיער פאַרראַטן,
האָב איך זיך הילכיק צעלאַכט,
אַ ליגן, אַ וויץ און דו האָסט נישט פאַרשטאַנען,
אַז כ׳האָב זיי נאַר-וואָס אויסגעטראַכט.

וועל איך טראָגן מיט פיין די משא די שווערע,
איך וועל זי ביז׳ן קבר דערטראָגן —
בעסער דו זאָלסט מיין כח איבערשאַצן,
איידער מיך מיט דיין רחמנות דערשלאָגן.

און וועט קומען צו דיר אַ נאַר נאָך מיר,
וואָס וועט נאַריש קליינליך זיך מאַכן,
ערשט דאַמאָלט וועסטו אויך לערנען די קונץ
פון ב׳האַלטן געוויין דורך לאַכן.

פראַגמענט.

ווען אונזערע טעג וועלן זיין פאַרביי,
און עס וועלן זיך ציען די לאַנגע נעכט,
ווען וועט עס דעמאָלט אַרן,
וועמעס שולד, ווער ס׳האָט רעכט.

נאָר ווען ס׳וועט שלאָגן דיין לעצטע שעה,
און אַרום זיך וועסטו ניט האָבן קיינעם,
רופן וועסטו דאַן מיין נאָמען —
גראָד ווען איך וועל שעלטן דיינעם . . .

עכאָ-קלאַנגען

גרייכן צו מיר ווייטע קלאַנגען,
מיר דאכט כ׳האָב זיי שוין געהערט,
דאָס זיינען עכאָס פון יענע צייטן —
צוריק צו מיר זיך אומגעקערט.

כ׳האָב אליין אזוי געזונגען
ס׳האָט אזוי מיין האַרץ געשטורמט,
ווען יוגענד כישוף האָט געבויט —
צו די וואָלקנס אַלץ געטורמט.

שטילער, שטילער, קלינגט דער עכאָ,
וואָס אַמאָל מער פון ווייט,
זינקען שוין די לעצטע טענער
אין דעם קבר פון רוים און צייט.

ווער — ווער ?

ווער עס וואונדערט זיך ווער — ווער,
וואָס איך בין געוואָרן ווי א שפענדל אינם מער,
און ווער געוואָרפן הין און הער ;

אזוי מוז עס זיין מיר אָנגעשריבן ;
דערפאר בין איך אויף קיין אָרט פאַרבליבן —
דאָס בייזע מזל האָט געטריבן.

ווער עס פרעגט — דו זאָלסט נישט פרעגן,
זיינען שאָסייען גלייכע — דיינע וועגן ?
און וואו איז דאָס פאַנג פון דיינע געיעגן ?

ווער עס קען נישט — דו דארפסט פאַרשטיין,
אַז חמץ און נסך ווערט איינמאָל דער וויין,
קען ער פאר קידוש שוין קיינמאָל ניט זיין...

ווער — ווער, דו דארפסט נישט פרעגען —
וואו איז די גרענעץ צווישן ניט טאָרן און מעגן,
אין לעבענס פינצטערע גליטשיקע וועגן . . .

די טאָרבע.

האָסט דיין לייב מיר בלויז געגעבען,
דיין נשמה פאַר זיך געהאַלטן,
פון דיינע ליפּן בלויז באַקומען,
אַ נדבה־קוש, אַ קאַלטן.

בין איך אַ בעטלער בּאַ דיר געוואָרן,
האָסט אַ טאָרבע מיר אין האַנט געגעבן,
אין דער פרעמד אַוועקגעשיקט מיך,
צו קלייבן ברעקלעך אין מיסט פון לעבן.

איצט זיצסטו איינזאַם בּאַם פענצטער,
שיקסט צו ווייטקייט דיינע בליקן,
און ברעכסט די הענט די צאַרטע,
וואָס האָבן צעבראָכן אַלע בריקן.

איך הער דיך זינגען, כאָטש פון ווייטן,
וואָרט און טאָן פון יענע לידער —
איך זינג אויך און ווייס דו הערסט מיך —
דאכט אונז ביידן וואָס געווען איז ווידער...

ווּעסטו קוּמען.

(פאָלקס־מאָטיוו)

ווּעסט צו מיר קומען צוריק,
מיין האַרץ ווּעט פאַר דיר וואַרטן,
צייט פאַרגלעט אַלע וואונדן,
ווי בלויז אַ ריר אַ צאַרטן.

טײַלמאָל גלויב איך ביזט שוין דאָ,
ס'איז דאָך דער חודש מאַי,
די שענסטע בלומען בליהען שוין,
ווי אַ ליבע וואָס איז טריי.

זומער, ווינטער וועלן זיין פאַרביי,
ס'וועלן זיך זאַמלען יאָרן,
ביז אין אַ שיינעם, העלן טאָג
ווּעסטו צו אונז פאַרפאָרן.

ווּעסט זיך לאָזן פיל געלט קאָסטן,

אָרימע קליידן און שיכן,
ווּעסטו זיך אָן מיר דערמאָנען,
און מיך אויך אויפזוכן.

מיר וועלן האָבן צו ריידן פיל,
דאָך אונזערע מיילער וועלן שטומען —
נאָר וויפיל וואַסער דאַרף אָפּלויפן,
ביז דו ווּעסט צו מיר צוריקקומען?

שיינע און כמאַרנע טעג.

גוטע לידער, שלעכטע לידער,
כ'האָב אייך אָנגעשריבן.
אין שיינע טעג, אין כמאַרנע טעג,
האָב איך מיין צער געטריבן.

גוטע לידער, שלעכטע לידער,
כ'וועל אייך נאָך אָנשרייבן —
אין כמאַרנע טעג, אין שיינע טעג,
מיין צער וועט פאַרבלייבן.

יאָרצייט.

הער מיין ווייב, כ׳גיי אין שול,
ווייל איך האָב יאָרצייט היינט —
גרייט נאָר צו אַביסל ווין,
ווייל עס קומען מיינע פריינט.

קוקסט מיך אָן? קענסט נישט פאַרשטיין?
נאָך וועמען קען איך יאָרצייט האָבן —
טאַטע־מאַמע, דאַנקען־גאָט . . .
צומאָל קיין קרוב נישט באַגראָבן.

עס איז אמת, טאַטע־מאַמע לעבן,
ס׳איז אויך קיין יאָרצייט נאָכ׳ן זיידן,
נאָר אונזער ליבע איז געשטאָרבן —
זאָג איך קדיש נאָך אונז ביידן.

ווען?

ווען חלומות ווערן צערינען —
הערסט אויף זוכן, וואָס ס׳איז נישט צו געפינען,
ווען אין דער פינצטער דערזעסטו אויף קלאָר,
דעם ביטערן אמת, דעם טרויעריקן וואָר.

ווען אין דיין חשבון אויף א האָר אַלץ שטימט,
דאָך דער סך־הכל: פאַרדרייט און פאַרקרימט,
ווען זיך געגאַרן האָט מער נישט קיין זין —
נישט וויין, מיין פריינט — לאָך זיך אוים דערפון.

מיין ליד.

ווען דער לעצטער שטערן שווינדט,
און דער מזרח העל זיך צינדט,
ווען דער טאָג נעמט זיך וועבן,
הויב איך אָן מיין ליד צו לעבן.

כ׳וועל דאַן פריי פון נאַכט־געמיט,
נאָר ס׳ליגט מיין מזל אין מיין ליד —
שוואַרצע פליגל פאָכן נאַכט,
ווילן בייזער שפּאָט און לאַכט.

אַ פֿאָלקס מאָטיוו.

דער זומער איז שוין פֿאַרגאַנגען,
עס שטאַרבן אין מיר פֿאַרלאַנגען,
דאָך ציט עס ווי מיט צוואַנגען —
כ׳בין געפֿאַנגען,
כ׳בין געפֿאַנגען.

ס׳ציט צום בוים, ס׳ציט צום צווייגל,
דאָרט וואו ס׳זינגען פֿרייע פֿייגל,
אַרויס פֿון מיין ענגן שטייגל —
כ׳בין געפֿאַנגען,
כ׳בין געפֿאַנגען.

צו דעם פֿעלד, צו דער בלום,
שרייט מיין האַרץ — מיין צונג איז שטום . . .
און פֿון אומעט קום איך אום —
כ׳בין געפֿאַנגען,
כ׳בין געפֿאַנגען.

מיין זומער איז שוין פֿאַרגאַנגען,
כ׳האָב שוין מער קיין פֿאַרלאַנגען,
אוי, דער רינג — די חופּה־שטאַנגען,
כ׳בין געפֿאַנגען.
כ׳בין געפֿאַנגען,

פּוסט דאָס לעבן, כ׳מאַרנע טריב,
ווי אַ קבר איז די שטוב —
ווייט איז דער וועמען כ׳ליב —
כ׳בין געפֿאַנגען,
כ׳בין געפֿאַנגען.

פֿאַרגייט די צייט בלויז אין באַנגען,
צווישן מענשן, ווי די שלאַנגען,
אוי, דער רינג און חופּה־שטאַנגען —
כ׳בין געפֿאַנגען,
כ׳בין געפֿאַנגען.

געשיכטע.

די זון א נייע האָט ארונטערגעשיינט,
אונטן דער מענש, האָט שוין דאָמאָלס געוויינט,
האָט געוויינט אַמאָל, ווי ער ווײנט נאָך היינט.

מיט מוסקולן ווי שטיינער, מוטיק באַזעלט,
מיט קראַפט ער באַזיגט, מיט בליק באַפעלט,
קרוינט זיך דער מענש, די קרוין פון דער וועלט.

אויף יעדן טריט, וואו ער איז געגאַנגען,
איז איבער׳ן קאָפּ די זון אים געהאַנגען,
דאָך איז דער מענש, אין צער פאַרגאַנגען.

ליכט און בלויז ליכט, אַרום און אַרום,
אויף בערג און טאָלן אומעטום,
דאָך זעט ניט דער מענש, וואָס גלייך, וואָס קרום.

וואו ער גיט זיך אַ ריר, וואו נאָר אַ קער,
די ביימער מיט פרוכטן, באַלאָדן שווער,
רייסט ער און עסט, וואַקסן נאָך מער.

ווייס ניט דער מענש אַז דאָס איז גן עדן,
ווייס ניט דער מענש פון זאַט זיין, פון פריידן,
ווייס ניט דער מענש פון הונגער די ליידן.

גייט אַרום דער מענש צאָרנדיק פאַרקלערט,
אַ נאָגנדער וויי זיין האַרץ באַשווערט,
ער איז באַ׳עוולט, זיין רו איז געשטערט.

מיט פויסטן צום הימל, נעמט ער דאָן שרייען,
„מיך פון מיין אומעט מוזטו באַפרייען,
גיב מיר אַ שטן, איך מוז זיין אין צווייען״.

אדם שלאָפט איין און ווען ער ערוואַכט,
קוויקט אים דאָס שיכרות, פרייד פון נאַכט —
האָבן מאַן און ווייב מאָדנע געלאַכט.

מישט זיך די פרייד, מיט טרויער און באַנגען,
די ערשטע מוטער איז אין דורות פאַרגאַנגען —
אַ שווינדל דאָס גאַנצע פאַרלאַנגען . . .

קורץ, אַ רגע, אַ חלום פאַרגאַנגען,
ציען זיך מוטנע טענער און קלאַנגען,
טראַכט מען שוין אוים ליגנס פון שלאַנגען.

פאַלן שוין שטראַלן שיף און קרום,
שוועבן שטנ׳ם פאַר זיי אומעטום,
ער אַ שטן פאַר איר — זי אַ שטן פאַר אים . . .

שווער ווערט דאָס אַקערן, שווערט ווערט דאָס זייען,
שווער געוועזן אַליין, שווערער אין צווייען —
אַ הארץ הערט אויף אַ הארץ צו דערפרייען.

שטייט שוין דער מענש באַ אַרבעט געבויגן,
פון פנים דער שוויים פאַר׳מבולט די אויגן,
לאַנג ווערט דער טאָג פון מידקייט געצויגן.

נעמט דער הימל מיט פייער גאָר שפּריצן,
שרעקט אים דער דונער אַזוי ווי די בליצן,
זוכט ער אַ גאָט, ער זאָל אים באַשיצן.

צינדט קין אַ פייער, גייען קיין פלאַמען,
נאָר רויך, וואָס שטיקט דאָס הארץ צו פאַר׳סמ׳ען—
שטאַרק איז דער מענש, נאָר ער קען זיך ניט צאַמען.

פאַלט פון הימל אַ מבול, אַ רעגן,
אוים מיט יבשה, נישטאָ מער קיין ברעגן,
ים און הימל זיך קומען אַנטקעגן.

דער באַרג „אררט״, ווי אַ מצבה,
אויף זיין שפּיץ רוט פון נח׳ן די תבה,
מיט צוויי פון די מינים, זכר און נקבה.

האָט ווידער דער מענש אַ וועלט געפונען,
דורך רעגנבויגנס שיינען די זונען,
אַ לעבן אַ נייס הויבט זיך אָן שפּינען.

נעמט דער מענש ליים צו קלעפּן און פורעמען,
מאַכט ער טעפּ, הייזער מיט טורעמען,
און קנעט אויס אַ גאָט זיך צו באַשירעמען.

מענש זוכט אויס שפּיציקן שטיין,
דערמיט צעבּרעכן בּאַ חיות געבּיין —
לערנט דער מענש דורך קאַמף דעם זין פון זיין.

שטיין מיט שטיין געריבּן צוזאַמען,
ריידן אַ שפּראַך פון פונקען און פלאַמען,
סודות פאַר שפּעטערע שטאַמען.

הערט אָדם אין חלום די שטיינער דערציילן,
פון אַלע מעטאַלן, אויך שטאָל פאַר פיילן,
און רעדער וואָס היפּן טויזנטער מיילן.

— — — — — — — — — — — — — —

ווייגט מער נישט איינער, ס'וויינען שוין דורות,
שווער ווערט דאָס לעבּן — אויסצופּאַלגן די תורה'ס,
וואָס געפּאַנצערטע פויסטן פאַרהאַנדלען ווי סחורות.

גייען פאַרבּיי דורות ווי מ'בּלעטערט אַ בּוך,
שרייבּט יעדעס פאָלק געשיכטע פאַר זיך,
שרייבּט עס ווי קין, רויט יעדער שטריך.

אַלץ איז בּאַשריבּן, ווען און בּיז וואַנען,
עס האָבּן געהערשט ווילדע טיראַנען,
בּיז צאָרן האָט געבּרויזט ווי פייער־וואולקאַנען.

נעמען די בּלעטער ווייטער דערציילן,
דעם זיגזאַגיקן וועג פון יאָרן און מיילן,
פון ראַסן און גרענעצן, וואָס מענשן צוטיילן.

פול איז געשיכטע מיט פאַקט און לעגענדן,
ווי די מי פון קנעכט האָרן פאַרשווענדן —
אין לייכטזין רויבּן, מאָרדן און שענדן.

קומען געשטאַלטן וואָס שיינען ווי שטערן,
צו ווייזן די וועלט ווי זי דאַרף ערשט ווערן,
און צו וועמען, לויט רעכט, זי דאַרף געהערן.

נעמט דער מענש דענקען פון בעסערע צייטן,
זעט ער די צוקונפט בולט פון ווייטן —
נעמט ער דאָס ליכט פון זיין וויזיע פאַרשפּרייטן.

ווערן אוטאָפּיעס, אידייען געשאַפן,
רייצט עס די האַרץ, טרייסט עס די שקלאַפן,
ווערט שוין דאָס וויסן דער שטאַרקסטער וואָפן.

לערנט אונז געשיכטע קלאָר צו פאַרשטיין,
וואָס מענש געפינט און פאַרלאָזט באַם פאַרגיין —
לערנען אונז דורות דעם זין פון זיין.

אַלץ און פון אַלעמען האָט דער מענש פאַרשריבן,
וואָס איז פאַרגאַנגען און וואָס איז פאַרבליבן,
און וואָס ס'האָט מענש צום ווייטער געטריבן.

איז דער מענש ווי אַ טייך מיט אימפּעט אין גאַנג,
פריער אין פאָרוים ווי אַ בליץ דער געדאַנק,
וואָס מער ער דערגרייכט, שטייגט זיין פאַרלאַנג.

זוכט ער אין טיפן, שוועבט ער אין אויבן,
נאָר דורך וויסן קען דער מענש זיך דערהויבן . . .
הויבט ער אָן זען, איז אַ סוף צו זיין גלויבן.

מענש, ווי אַ גאָט, נעמט וואונדער באַווייזן,
פון שטח אַ שפּאַן, שווימען קען אייזן,
ערד און וואַסער אַ וועלט קען באַשפּייזן.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר בלוט אויפ'ן שטיין, וואָס קיין האָט גענוצט,
שטיין וואָס פאַר אדמ'ען מיט סודות געבליצט,
האָט די קללה גאָלד אין זיך איינגעקריצט . . .

בלענדט דאָס גאָלד ווי טויזנטער זונען,
ווערן ליכט-חלומות אין פינצטער צערינען —
זוכט מענש אַ מענש און קען זיך אַליין ניט געפינען.

— — — — — — — — — — — — — —

אזוי איז געווען, אזוי וואַלט פאַרבליבן,
נאָר די געשיכטע האָט גאָר אַנדערש געשריבן,
ווייל טיפערע כוחות האָבן אייביק געטריבן.

געווען איז אַ ריזיק פינצטער לאַנד,
געשטאַנען אין וועג אַ שטיינערנע וואַנט,
האָט אויף איר געשריבן ווי פאַר בלשצר די האַנט.

האָבן פאַר דורות געהערשט דאָרט טיראַנען,
פאַר דורות פאַרשפרייט חשך טומאַנען,
ביז דאָס פאָלק האָט ענדליך פאַרשטאַנען.

האָט מען דאָס לאַנד איבערגעבויט.
אָפּגעשאַפט אויף אייביק מענשליכע נויט . . .
און אַרבעט באַלוינט מיט פרייד און ברויט.